בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

## שופטים

ב' אלול תשפ"ו

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 6:48 |
| מוצש"ק | 8:02 |
| ר"ת | 8:40 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | |
|---|---|
| סוזק"ש א' 8:34 | סוז"ת א' 9:57 |
| סוזק"ש ב' 9:21 | סוז"ת ב' 10:28 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': ר'

שנה ד'

## טיב הפרשה

# די אמת ליגט אין די תוה"ק

### וְאַתָּה לֹא כֵן נָתַן לְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ

אין די וואכענדיגע פרשה לערנען מיר ווייטער ווי אזוי משה רבינו רעדט צום כלל ישראל און חזר'ט איבער מיט זיי די הייליגע תורה.

מערערע דינים און הלכות ווערן געברענגט אין די פרשה, צווישן זיי איז אויך דא די אזהרה פון משה רבינו פאר'ן כלל ישראל אז זיי זאלן זיך נישט צוהערן צו די 'מעוננים' און צו די 'קוסמים', ווייל הקב"ה האט געגעבן פאר אונז א נביא, וואס וועט מנבא זיין פאר'ן איד.

אין זיינע ווערטער איז משה רבינו מדגיש אז די פעלקער וועלכער איר גייט ירשנ'ען האבן אויסגעהערט צו מעוננים און צו קוסמים, אבער פאר אייך האט הקב"ה געגעבן נביאים און 'אליו תשמעון' - אים זאלט איר אויסהערן.

אז מען איז זיך גוט מתבונן אין די פסוקים זעט מען אן אינטערעסאנטער זאך. מ'זעט אז די תוה"ק שטעלט אוועק זה לעומת זה. זי זאגט אן אז מ'זאל זיך נישט ווענדן צו די גוי'אישע כישוף מאכער און קוסמים ווייל איר האט נביאים.

אין די תוה"ק איז דא אסאך איסורים. מ'טרעפט איסורים אז מ'זאל נישט טארן עסן אסאך מאכלים, מ'טרעפט אויך אז מ'זאל נישט טארן באגיין אסאך אומרעכטן, אבער קיין ערגעץ באגעגענט מען נישט אזא געדאנק, אז די תוה"ק אליין זאל מדגיש זיין אז איך לאז דיר נישט טון די זאך, אבער כ'שטעל צו פאר דיר אן ערזאץ.

פארוואס פונקט ביי די איסור טרעפט מען אזא זאך?

בדרך אפשר קען מען זאגן א דערהער, אבער ערשט לאמיר מקדים זיין א געדאנק וואס ווערט געברענגט אין די גמרא מסכת חולין [דף קט ע"ב] אז ילתא האט געפרעגט פאר רב נחמן אז מיר ווייסן אז קעגן יעדער זאך וואס די תוה"ק האט גע'אסר'ט האט די תורה הק' מתיר געווען קעגן איר עפעס אנדערש.

די גמרא רעכענט דארט אויס באריכות ווי אזוי קעגן יעדער

## טיב המערכת

### וְלֹא תָקִים לְךָ מַצֵּבָה

עס ווערט דערציילט אויף דער הייליגער 'אהבת ישראל' פון וויז'ניץ זצוק"ל, אז איינמאל ווען ער איז געגאנגען אין גאס, האט ער געזען א גוי וועלכער איז געגאנגען מיט א הוט אזוי ווי אים, און אזוי ווי אלע אידן אין יענער געגנט פלעגן דעמאלטס גיין. ווי נאר ער האט באמערקט אז דער הוט פונעם גוי זעט אויס אזוי ווי זיין הוט, האט ער אויסגעדרייט זיין הוט אויף די אנדערע זייט כדי צו זיין אפגעשיידט פונעם גוי און כדי ער זאל נישט אויסזען ענדליך מיט זיין לבוש צו די גוים. צוליב דעם גייען וויז'ניצער חסידים עד היום הזה מיט א הוט וואס דער קניפ דערפון געפינט זיך אויף די רעכטע זייט, און נישט אזוי ווי יעדער גייט – אויף די לינקע זייט.

אין די וואכעדיגע פרשה שטייט אין פסוק 'וְלֹא תָקִים לְךָ מַצֵּבָה אֲשֶׁר שָׂנֵא ד' אֱלֹקֶיךָ', און רש"י הקדוש איז מפרש דארט וְזֶה לְשׁוֹן קָדְשׁוֹ: מִזְבַּח אֲבָנִים וּמִזְבַּח אֲדָמָה צִוָּה לַעֲשׂוֹת, וְאֶת זוֹ שָׂנֵא כִּי חֹק הָיְתָה לַכְּנַעֲנִים, וְאַף עַל פִּי שֶׁהָיְתָה אֲהוּבָה לוֹ בִּימֵי הָאָבוֹת עַכְשָׁו שְׂנֵאָהּ, מֵאַחַר שֶׁעֲשָׂאוּהָ אֵלּוּ חֹק לַעֲבוֹדָה זָרָה. רש"י הק' געבט קלאר ארויס די אנווייזונג, אז כאטש די 'מציבה' איז געווען באליבט אין די צייטן פון די אבות, פונדעסטוועגן וויבאלד די גוים האבן עס עמאכט אלץ א געזעץ פאר עבודה זרה, איז יעצט, נישט נאר וואס דער אויבערשטער באוויליגט נישט אין דעם, נאר ער האט עס ממש פיינט.

וון דעם קען מען זיך ארויסלערנען, ווי וויכטיג עס איז אז מיר זאלן זיך אפשיידן פון די וועגן פון די אידן, און אויך זאלן מיר זיך אפשיידן פון די וועגן פון די וועלכע היטן נישט די תורה און די מצוות, און אויך פון זייערע פירונגען זאלן מיר זיך אפשיידן, ווייל א מענטש קען זיך פירן מיט א פירונג וואס וואלט אייגנטליך געווען א גוטע זאך, און עס קען אפילו זיין אז אין אנהייב איז דאס עווען א גוטער פירונג, אבער וויבאלד די גוים פירן זיך אזוי, איז דער זאך פארפיינטעט ביי הקב"ה!

און כאטש דער זאך גייט אן אלעמאל, באקומט עס א ספעציעלן באדייט אין די יעצטיגע טעג, ווען דער קוֹל הַשֹּׁפָר גייט ארויס מיט שטארקייט, ווייל עס ווערט עעברענגט אין די הייליגע ספרים, און אין קיצור שולחן ערוך ווערט עס געברענגט להלכה, אז 'רָאוּי לָאָדָם שֶׁיִּתְנַהֵג בְּיָמִים אֵלּוּ גַּם בְּחוּמְרוֹת שֶׁאֵינוֹ נוֹהֵג בָּהֶם כָּל הַשָּׁנָה, כִּי גַּם אָנוּ מְבַקְשִׁים מֵאֵת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיִּתְנַהֵג עִמָּנוּ בַּחֲסִידוּת, וְהָאוֹכֵל כָּל הַשָּׁנָה פַּת פַּלְטֵר, לֹא יֹאכַל בְּיָמִים אֵלּוּ כִּי אִם פַּת יִשְׂרָאֵל, וְכַדּוֹמֶה לָזֶה'. איז אויב אויף אזעלכע זאכן זאגט מען אונז אז מען זאל זיך דערווייטערן דערפון, איז דאך אוודאי און אוודאי אז ווען עס קומט צו א זאך וואס די תורה הקדושה זאגט ארויס קלאר אז הקב"ה האט עס 'פיינט', דארף מען זיך אוודאי אפשיידן דערפון.

וון אויב וועט איינער פרעגן: וויאזוי זאל איך וויסן וועלכע זאך דער אויבערשטער האט פיינט? די ענטפער דערויף איז זייער פשוט – יעדער זאך וואס איז א 'געשעפט' ביי די וואס היטן נישט די תורה און מצוות, אט דאס איז עפעס וואס איז פארפיינטעט ביי הקב"ה.

(עפ"י טיב התורה – שופטים)

טיב הודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות

פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער

אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

זאך איז די תורה מתיר עפעס אנדערש, אז די תוה"ק האט גע'אסר'ט די טעם פון בלוט אבער זי האט מתיר געווען די לעבער וואס האט א טעם פון בלוט, קעגן די פעטענס פון א בהמה האט זי מתיר געווען די פעטענס פון א חיה, און אזוי ווייטער גייט די גמרא אויפ'ן סדר און רעכענט אויס א לענגערע ליסטע פון זאכן.

מיר ווייסן אז יעדע ווארט פון די תוה"ק און פון חז"ל איז אויסרעכענט, אין יעדע אות באהאלטן זיך תילי תילים פון סודות התורה, די שאלה וואס שטעלט זיך איז וואס וויל חז"ל דא ארויסגעבן?

עס קען זיין אז דא ליגט א מורא'דיגע דערהער. דער סך הכל פון די אלע זאכן וואס חז"ל רעכענען אויס אין דער מאמר זענען הנאות, אז מ'האט הנאה פון די זאך און פון די זאך, פאר אסאך מענטשן דוכט זיך אז די תוה"ק איז איין לאנגע ליסטע פון איסורים, זי לאזט נישט דאס און זי לאזט נישט דאס, אבער דאס איז א פאלשע בליק אויפ'ן לעבן, די תוה"ק לאזט דער מענטש הנאה האבן פון די וועלט, אבער ער וויל אז דער מענטש זאל הנאה האבן בדרך ההיתר.

עס זאל זייןביידע זאכן. פון איין זייט זאל זיין די התגברות אויפ'ן דבר האיסור, דער איד זאל זיך איינהאלטן פון הנאה האבן בדרך האיסור, כדי ער זאל זיך קענען משלים זיין, אבער די זעלבע הנאה איז דא בדרך ההיתר.

א איד דארף וויסן אז וועלכע סארט תענוג עס איז באשערט פאר אים וועט ער באקומען און ער קען עס עררייכן בדרך ההיתר. ער האט אבער א בחירה צי ער זאל עס באקומען בדרך ההיתר אדער בדרך האיסור.

א ביישפיל צו דעם איז געלט. אסאך מאל נויטיגט זיך דער מענטש אין געלט, און ער איז אזוי געדרוקט פאר די געלט אז ער איז נוטה צונעמען די געלט בדרך האיסור ווי דורך גניבה שטיק, אדער גזילה, אבער ער ווייסט נישט אז די זעלבע געלט קען ער האבן בדרך ההיתר, אויב ער וועט זיך איינהאלטן און נישט עובר זיין אויף די איסור, ווייל קיין שום זאך וואס איז באשערט פאר א מענטש האלט מען נישט צוריק פון אים, אויב עס קומט אים. דער מענטש האט די בחירה צי ער זאל עס באקומען בדרך ההיתר אדער בדרך האיסור.

די זעלבע זאך איז אויך דא ביי קוסמים און כישוף מאכער. דער איד איז געדרוקט און ער וויל וויסן וואס גייט זיין מיט אים. עס דוכט זיך אים אז דורך די וועגן פון כישוף קען ער אנקומען צו די ריכטיגע וועגן, אבער ער ווייסט נישט אז אויב ביי די גוים קען מען עס משיג זיין - וועט ער עס קענען משיג זיין אויך דורך ערליכע וועגן.

כדי דער איד זאל עס וויסן און דערהערן זאגט עס די תורה ארויס מיט א קלארקייט, אז קעגן די גוי'אישע כישוף מאכער און די קוסמים איז אנגעגרייט פאר דיר די אמת'ע נביאים.

עס קען זיין אז מהאי טעמא האט די תוה"ק מגלה געווען דער ענין דא, ווייל דער מענטשליכער נאטור איז געדרוקט צו דערגיין וואס עס גייט זיין. דער דראנג צו וויסן וואס עס ווארט אים אפ איז מורא'דיג גרויס, און וועגן דעם איז די תוה"ק מגלה די ענין אז דער איד זאל וויסן פון דעם און נישט ווערן פארבלענדט פון די גוים נאר געדענקען אז וואס עס איז דא דארט איז אויך דא ביי די אידן.

זאל הקב"ה געבן אז מ'זאל אייביג בלייבן קלאר ביי זיך און געדענקען די אמת און נישט ווערן פארבלענדט פון די אומות העולם און זייערע כוחות.

טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית
### געשריבן דורך לייענערס

# די אמונה האט געזיגט

אין די שפעטע נאכט שעה'ן, היבש נאך חצות הלילה, האב איך זיך געטראפן שטיין אין איינס פון די געגענטער פון בית שמש, ווארטנדיג אויף א היטש [טרעמפ] צו פארן צו די חפציבה געגענט, וועלכע געפינט זיך ביי די צווייטע עק בית שמש.

מיט מיר האט אויך געווארט א צווייטער איד וועלכער האט געדארפט אנקומען צו א נענטערע געגענט אין בית שמש.

מיר האבן געווארט א שטיק צייט, דער איד מיטוועמען איך האב געווארט, איז ווארשיינליך געווען אביסל לאנגווייליג.

איך קען נישט דער איד, ער קען מיר נישט, אבער שטייענדיג אזוי פאראייניגט, האט ער מיר א פרעג געגעבן וואו אהין איך גיי? איך האב אים געזאגט אז כ'דארף אנקומען צו די געגענט פון חפציבה.

"עס איז זייער ווייט, צי מיינסטו אז דו וועסט טרעפן א היטש ביז דארט"?

איך האב אויפגעהויבן די הענט צום הימל, ווייזנדיג אז דער בורא כל העולמים איז א כל יכול און איך פארלאז זיך אויף אים.

דער איד, זייענדיג לאנגווייליג, האט אנגעהויבן אפלאכן פון מיר.

"דו מיינסט אז עס גייט דיר געשען א נס? אז דו וועסט בעטן אז עס זאל אראפפאלן א הונדערטער פון הימל וועט עס אויך געשען"?

זעענדיג אז ער איז אין די גיסטע צו טרייבן ליצנות און אפקילן מיין אמונה, האב איך זיך נישט אריינגעלאזט מיט אים אין א שמועס. איך האב אים נאר געזאגט אז דער רבוש"ע איז א כל יכול און ער קען אלעס, און כ'קוק אויס צום גוטן, און כ'ווייס אז נישט יעדער זאך וואס פארגלוסט זיך מיר מוז ער ממלא זיין.

עטליכע מינוט שפעטער האט זיך א קאר אפגעשטעלט נעבן אונז ביידע. דער קאר האט געפרעגט וואו מיר דארפן. דער איד האט געזאגט וואו ער דארף און איך האב אנגעוויזן אז כ'דארף צו די חפציבה געגענט.

"איך פָאר צו די ערשטע ארט", האט ער מיר געזאגט.

איך בין געבליבן שטיין, דער מיטשטייער איז ארויף אויפ'ן קאר, אבער א רגע שפעטער האט דער קאר זיך צוריקגעקערט און מיר איינגעלאדענט ארויפצוקומען אויף די קאר זאגנדיג אז איך זאל אויך אריינקומען אין די קאר.

איך בין אריין אין די קאר, איך האב געטראכט צו מיר, כאטש זאל ער מיר ברענגען נענטער צום ציל.

זיצנדיג אין די קאר האט זיך דער איד בארעכענט. אנשטאט צו נעמען דעם איד צו זיין ציל, האט ער אים אראפגעלאזט רעלאטיוו אין א ווייטער וועג ווען מיר האט ער צוגענומען ביז צום טיר.

ווען דער איד איז אראפ היבש ווייט פון זיין הויז, איז ער געווען אנטוישט.

איך האב געזען אז די אמונה האט ממשיך געווען פאר מיר די ישועה, איך בין אנגעקומען ביז צום שטוב.

אוועקפארנדיג האב איך געזען ווי דער איד פארדרייט זיין וועג און קומט בכלל נישט אריין אין געגענט, ער האט געמאכט די וועג עקסטער פאר מיר און מיר א טובה געטון אז איך זאל קענען אנקומען אין שטוב גרינגערהייט און געשמאקערהייט אין די שפעטע נאכט שעה'ן.

(דערציילט דורך דער בעל המעשה: ת.ת.)

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים
מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה
סמואלס אין פקס: 15326517922

# זיך דערווייטערן פון גאוה!

**"לֹא תִטַּע לְךָ אֲשֵׁרָה כָּל עֵץ אֵצֶל מִזְבַּח ד' אֱלֹקֶיךָ אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה לָּךְ. וְלֹא תָקִים לְךָ מַצֵּבָה, אֲשֶׁר שָׂנֵא ד' אֱלֹקֶיךָ"** (טז, כא-כב)

אינעם ספר הקדוש **עבודת ישראל** (אין די וואכעדיגע פרשה) איז ער מפרש על דרך המוסר, אז מען זאל זיך דערווייטערן פון די מדה פון גאוה, וויבאלד עס שטייט אין פסוק "תּוֹעֲבַת ה' כָּל גְּבַהּ לֵב" (משלי טז, ה).

און דער טבע היצר איזף אז ווען א מענטש הייבט אן צו עוסק זיין אין עבודת השם יתברך, ברענגט דער יצר הרע גלייך אריין אין אים געדענקען פון גאות און שטאלץ. דעריבער זאגט אונז אן די הייליגע תורה: **"לֹא תִטַּע לְךָ אֲשֵׁרָה כָּל עֵץ"** - דער מענטש זאל זיך נישט אליין איינפלאנצן אלץ אן 'אֲשֵׁרָה' און עבודה זרה, דאס איז ווען דער מענטש בוקט זיך צו זיך אליין, אזוי ווי די הייליגע חז"ל זאגן (סוטה ד:) כָּל הַמִּתְגָּאֶה כְּאִלּוּ עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה. **"אֵצֶל מִזְבַּח ה' אֱלֹקֶיךָ אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה לָּךְ"**, אזוי ווי דער שטייגער פון דער מענטש איז, אז ווי נאר ער האט געמאכט א מזבח פארן אויבערשטן און האט אנגעהויבן עוסק זיין אין עבודת השי"ת, הייבט ער זיך אן צו גרויסהאלטן און שטאלצירן. דעריבער דארף מען אונז ספעציעל אנזאגן אז מען זאל זיך נישט מאכן קיין אֲשֵׁרָה און בעל גאוה נעבן דער מזבח פון דיין עבודת השי"ת.

אזוי אויך **"לֹא תָקִים 'לְךָ' מַצֵּבָה"**, אז מען זאל זיך נישט אויפשטעלן מיט גאוה און בְּקוֹמָה זְקוּפָה, **"אֲשֶׁר שָׂנֵא ה' אֱלֹקֶיךָ"**, אזוי ווי אונזערע הייליגע חז"ל זאגן (סוטה שם) אז דער אויבערשטער זאגט **אֵין אֲנִי וְהוּא יְכוֹלִים לָדוּר**, אז ער קען נישט וואוינען צוזאמען מיט איינער וואס איז א בעל גאוה.

***

דער הייליגער **רבי ר' זושא זצוק"ל**, האט אמאל וויכטיג געדארפט האבן א גרויסע סומע געלט, כדי צו חתונה מאכן זיין טאכטער די כלה.

ווען ער האט געמאכט ביי זיך דעם חשבון, וויפיל ער איז מחויב מיט השתדלות, ווען פון די אנדערע זייט האט ער פאר זיך די מדה פון בטחון, וואס איז אים מחייב צו ארויפווארפן זיין גאנצן לאסט אויף השי"ת. - אזוי ווי עס ווערט ערקלערט אין די ספרים הקדושים אז דאס ווענדט זיך אין די מדריגה פון דער בוטח, און ווי שטארקער זיין בטחון וועט זיין, לויט דעם ווערט געמאָסטן זיין חובת ההשתדלות. און דעמאלטס איז ער אנגעקומען צו די מסקנא, אז כאטש עס ליגט טאקע אויף אים דער פליכט צו טון עפעס א קליינע זאך פאר השתדלות, אזוי ווי מיר לערנען ארויס פונעם פסוק (לעיל טו, יח) "וּבֵרַכְךָ ד' אֱלֹקֶיךָ בְּכֹל אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה", אז מען דארף האבן א 'מעשה השתדלות' מצד דער מענטש. פונדעסטוועגן, איז אבער גענוג מיט דעם וואס ער וועט ארויסגיין פון זיין הויז, און זיך דרייען איבער די שטעטלעך צווישן די אידישע הייזער, און ער וועט זיך פארזיכערן אין השי"ת אז דער וואס דארף וועט אים שוין געבן די געלט... אבער ער פון זיין זייט וועט נישט אויסשטרעקן זיין האנט צו בעטן קיין שום מתנת בָּשָׂר וָדָם.

אזוי ווי עס איז באוואוסט זיין געוואלדיגע דרכו בקודש, אז ער האט נישט געבעטן קיין שום זאך פון קיין מענטש, און ביי יעדער זאך וואס ער האט געדארפט האבן, האט ער אויסגעשפרייט זיין פארלאנג פארן הייליגן באשעפער אליין. צום ביישפיל, אויב ער איז געווען הונגעריג, האט ער אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל, און האט מתפלל געווען דערויף: **"רבונו של עולם, זושא איז הונגעריג"!**

אויך איז באוואוסט אז מען האט אים עטליכע מאל אויספראבירט אין דעם, און יעדן מאל איז געשען מיט אים וואונדערליכע זאכן.

איז דער רבי ר' זושא ארויסגעגאנגען אין וועג, און איז געפארן פון איין שטאט צום אנדערן, אינדערצייט וואס ער האט זיך געהאלטן פעסט מיט זיין שיטה און האט נישט געבעטן גארנישט פון קיינעם. אזוי פארנדיג איז ער אנגעקומען צו די שטאט **קאריץ**, און איז דארט אריינגעגאנגען צום גרויסן באוואוסטן בית המדרש פון **הרה"ק רבי פנחס קאריצער זצוק"ל**, וועלכער איז געווען איינער פון די גדולי זקני צדיקי הדור.

דער רבי ר' פנחס האט זיך זייער געפריידט מיטן חשוב'ן גאסט, און אים זייער שיין אויפגענומען בסבר פנים יפות, און פאר די גבאים האט ער באפוילן אז מען זאל אים מכבד זיין אין בית המדרש אזוי ווי עס פאסט פאר זיין הויכן שטאנד.

נאכן דאווענען מנחה, האבן זיך די צוויי צדיקים געזעצט צו א הייליגן שמועס, מיט גרויס ליבשאפט. אזוי שמועסנדיג, האט רבי פנחס פארשטאנען אז עס איז דא א ספעציעלע סיבה צו די נסיעה פון דער רבי ר' זושא אהער, און נישט אומזיסט האט ער זיך ארויסגעלאזט וואנדערן איבער די אידישע שטעט, עס איז אים אבער נישט געלונגען אויסצוטרעפן וואס די סיבה איז. אזוי רעדנדיג ווייטער, האט אים רבי פנחס אזוי ווי בדרך אגב אים געפרעגט איבער זיינע קינדער און הויזגעזינד, און אזוי האט ער אויסגעטראפן אז ביי אים אינדערהיים ווארט זיין טאכטער צו חתונה האבן, און גלייך האט ער בצדקתו פארשטאנען אז דער רבי ר' זושא זי"ע דארף פשוט האבן געלט פאר הכנסת כלה, און געוואוסט האט ער שוין פון זיין דרכו בקודש, אז ער האט גארנישט געבעטן פון אנדערע.

איידער דער רבי ר' זושא האט זיך ארויסגעלאזט אויף זיין ווייטערדיגע רייזע, האט דער הייליגער רבי ר' פנחס אים אריינגערוקט אין האנט א טעשל פול מיט געלט, צו קענען אויסהאלטן די הוצאות החתונה בהרחבה!

האט זיך דער רבי ר' זושא שטארק געפריידט אז השי"ת האט אים צוגעשיקט די גאנצע הוצאות פון די חתונה, און האט באדאנקט זיין פריינט פון די טיפענישן פון הארץ, און ער האט זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג אהיים, אנצוגרייטן די חתונה אזוי ווי עס פאסט.

פארנדיג אויפן וועג, נעבן איינע פון די שטעטלעך, האט ער באמערקט ווי אסאך מענטשן האבן זיך צוזאמגענומען ארום א פרוי וואס האט זייער שטארק געוויינט. ווען ער האט געבעטן אז מען זאל אים ערקלערן פארוואס זי וויינט, האט ער אויסגעטראפן אז דא שטייען אן אלמנה מיט איר טאכטער די יתומה, און זיי וויינען ביטערליך, וויבאלד זיי האבן זייער גאנצן לעבן געזאמלט א פרוטה צו א פרוטה, ביז זיי האבן שוין געהאט גענוג געלט פאר די חתונה פונעם טאכטער, און יעצט ווען זיי זענען געקומען צום טישלער אינעם מארק-פלאץ, אויפצוטוישן זייער געלט, איז דאס גאנצע בינטל געלט פלוצלונג פארשוואונדן געווארן. ווי עס זעט אויס, האט דאס באמערקט עפעס אן 'אינשי דלא מעלי' אין מארק, און אנדעם וואס זיי האבן באמערקט, האט ער געגעבן א 'צי ארויס' פון זיי דאס פעקל געלט...

האט דער רבי ר' זושא געפרעגט, איבער וועלכע סומע געלט עס רעדט זיך. ווען מען האט אים געזאגט, האט ער געזען אז דאס איז פונקט די זעלבע סומע, ווי דאס וואס ער טראגט דא מיט זיך.

ער האט זייער שטארק רחמנות געהאט אויף די אלמנה און איר טאכטער די יתומה, און ער האט זיך גלייך געמאכט א וועג צווישן די פיל-געפאקטער ציבור, אויסרופנדיג: איך האב 'געפינען' דאס געלט!

ווי פארשטענדליך, האבן זיך אלע מענטשן גערוקט אין א זייט, און געלאזט דעם אומבאקאנטן מענטש זיך דערנענטערן צו די צוויי. צום גרויסן פרייד פון די אלמנה און די יתומה, האט ער ארויסגענומען דעם בינטל געלט.

אבער צו זייער גרויסן איבערראשונג, האט דער רבי ר' זושא געפאדערט **'א צענטל'** (!) פונעם סומע, אלץ שכר טירחא, דערפאר וואס ער האט באוויליגט צוריקצוקערן די אבידה צום בעל הבית... די אלמנה איז ערשטוינט געווארן, וויבאלד דאס איז געווען זייער א גרויסע סומע, וואס עס איז איר נישט גרינג אנגעקומען צו פארשאפן.

- פארוואס דארף איך דען צאלן 'מעשר' אויף אן אבידה וואס דו געבסט מיר צוריק? - האט די אלמנה געפרעגט מיט גרויס ווייטאג.

- איך וואלט דאך אויך געהאט די מעגליכקייט, גארנישט צו צוריקגעבן... האט ער געענטפערט. אייגנטליך וואלט איך געקענט נעמען די גאנצע געלט פאר מיר אליין... און יעצט אז איך האב באוויליגט צוריקצוגעבן די געלט, פאדער איך צו באקומען מיין באלוינונג דורכדעם וואס איר וועט מיר געבן א צענטל פונעם סומע, און אפילו נישט איין פרוטה ווייניגער דערפון!

ווידעראמאל האט די אלמנה גענומען שרייען און וויינען, בעטנדיג און קרעכצנדיג אז ער זאל איר לאזן האבן די גאנצע געלט. מיט א וויינענדיגע שטימע האט זי דערציילט וויאזוי זיי האבן מיט גרויס שווערקייט אָפּגעשפּאָרט דאס ביסן פון מויל, כדי אנצוקומען צו די סומע. מיר זענען דאך אידן! האט זי גע'טענה'ט. און מיר זענען מחויב אין די מצוה פון 'השבת אבדה'! זי וואלט צוגעשטימט אים צו געבן עפעס א סומע פארן צוריקברענגען די אבידה, אבער נישט אזא ריזיגע סומע.

ער האט אבער נישט געהאלטן ביים מוותר זיין, נאר מיט עקשנות האט ער אויסגערופן: **אויב איז נישטא קיין צענטל, איז נישטא קיין געלט!**

די מענטשן וואס האבן זיך דארט געפינען, האבן זיך גענומען פארזאמלען ארום אים און האבן אנגעהויבן צו שרייען אויף אים, היתכן אז ער האט נישט קיין טראפ רחמנות אויף אן ארימע אלמנה... און זיי האבן אויך אנגעהויבן אים צו שלאגן שטארקע קלעפ. און ווי דער שטייגער איז געווען אין יענע צייטן אז די רבנים האבן געוועלטיגט אין אלע שטאטישע אנגעלעגנהייטן, האבן די ארטיגע מענטשן אים אנגעכאפט און אים געשלעפט צום בית דין פונעם רב, דער מרא דאתרא פון די שטאט, וועלכער האט ווי פארשטענדליך אים שטארק אנגעשריגן, און ער האט אים באפוילן אז ער זאל שוין צוריקגעבן די גאנצע אבידה צו די אייגנטימער, ביז צו די לעצטע פרוטה!

אזוי האט דער רבי ר' זושא נישט געהאט קיין אנדערע ברירה, און ער האט ארויסגענומען די גאנצע בינטל געלט, און ער האט אלעס באצאלט פאר די אלמנה און די יתומה, און ער איז ווייטער געגאנגען זיין וועג.

א קורצע צייט איז דורכגעגאנגען, און אט האט מען 'געכאפט' דעם אמת'ן גנב, ווען אין אן אונטערזוכונג צווישן זיינע פעקלעך, האבן די פאליציאנטן פון שטאט געפינען פילע גע'גנב'עטע ארטיקלען, און צווישן זיי אויך דער בערזל פון די אלמנה מיט די גאנצע געלט דערין...

- אצינד האט שוין יעדער פארשטאנען אויף צוריק, אז אט דער 'אומבאקאנטער דורכגייער' איז איבערהויפט נישט געווען קיין פשוט'ער מענטש... און אז ער האט בכלל נישט 'געפינען' קיין שום טייסטער... נאר צוליב זיין גרויס רחמנות אויף די אלמנה האט ער איר אלעס באצאלט פון זיין אייגענע טאש, און ער האט זיך נאך 'מסדר' געווען א שיינעם 'פעקל' מיט בזיונות...

דער רב פון שטאט האט נישט געקענט צו זיך קומען פון גרויס התפעלות זעענדיג דעם געוואלדיגן צידקות פונעם דורכגייער, און ווען ער האט זיך אין א געלעגנהייט געטראפן מיטן רבי'ן ר' פנחס קאריצער, האט ער אים דערציילט די גאנצע מעשה. נאכדעם וואס דער רבי ר' פנחס האט אים געבעטן עטליכע איינצלהייטן איבערן אויסזען פון דעם דורכגייער, און די סומע פון די געלט, ווי אויך דער זייט ווען דער געשעעניש איז פארגעקומען, האט ער גלייך פארשטאנען אז דאס איז געווען נישט קיין אנדערער ווי דער הייליגער רבי ר' זושא בכבודו ובעצמו! און נאכדערצו וויבאלד די טיב המעשה איז זייער צוגעפאסט פאר אים... ווי עס זעט אויס האט ער געגעבן פאר די אלמנה די גאנצע סומע וואס ער האט באקומען פון אים...

ווען דער רבי ר' פנחס האט זיך אין א קומענדיגע געלעגנהייט באגעגנט מיט דער רבי ר' זושא, האט ער אים געפרעגט וועגן די אויבנדערמאנטע מעשה, און ער האט אים געבעטן קלארמאכן עטליכע איינצלהייטן, ווי פאלגנד:

ערשטנס, האט ער געוואלט וויסן וועגן די טאכטער פון דער רבי ר' זושא, און ער זיך געפריידט צו הערן פון אים אז השי"ת האט אים געהאלפן פון אן אנדער פלאץ, און זיין טאכטער האט חתונה געהאט מיט א פאסיגן שידוך.




צווייטנס, האט דער צדיק אים געפרעגט: מיילע, דאס וואס איר האט באשלאסן צו שענקען דעם גאנצע סומע אלץ צדקה פאר די אלמנה, דאס קען איך נאך פארשטיין אייער הארץ און זעל, און איך פריי זיך מיט מיין טייל וואס איך האב אין די מצוה, אבער פארוואס האט איר זיך געמאכט אזעלכע שרעקליכע בזיונות?!

האט זיך דער הייליגער רבי ר' זושא צושמייכלט, און געגעבן זיין ערקלערונג: ווען איך בין צוגעגאנגען מיטן בינטל געלט צו 'באצאלן', אזוי ווי איך וואלט געפינען די אבידה... איז גלייך מיטגעקומען מיט מיר צו די מצוה, נישט קיין אנדערער ווי דער יצר הרע בכבודו ובעצמו... און ער האט פראבירט ארײנשטופן אין מיר עפעס א געדאנק פון גאוה, איבער די געוואלדיגע מצוה וואס איז ארײנגעפאלן אין מיין טייל!

ווען איך האב דאס געזען, האב איך געזאגט צו דער יצר: גלייך וועסטו זען דיין 'באלוינונג' פאר דיין פלאג... איך וועל דיר שוין 'מסדר זיין' אזעלכע בזיונות, אז מערסטו וועט זיך דיר נישט פארגלוסטן זיך צו דערנענטערן צו מיר אין מיין עבודת הקודש!!!

**אט אזוי דערווייטערט מען זיך פון גאוה!**

***

ווען הרה"ק **דער רבי ר' הירש משרת מרימנוב זצוק"ל** האט געהאלטן ביים אנהייב פון זיין נשיאות, האט ער זיך געדארפט אמאל טרעפן מיטן באוואוסטן גאון **רבי יעקב אורנשטיין זצ"ל, בעל ישועות יעקב,** וועלכער איז געווען דער רב פון די שטאט **לעמבערג יצ"ו,** און איז געווען איינער פון די גדולי ומנהיגי הדור, איבער א וויכטיגער ענין וואס איז געווען דרינגענד כדי צו ראטעווען א אידיש קינד.

דאס איז שוין געווען אין די עלטערע יארן פונעם ישועות יעקב, ווען צוליב זיין שוואכקייט האט ער נישט געקענט לאנג פארברענגען מיטן אויפנעמען מענטשן, און דער סדר איז דעריבער געווען אז יעדער איינער וואס האט זיך געוואלט טרעפן מיטן רב, האט געדארפט צום ערשט ארײנלייגן זיין פארלאנג אויף פאפיר, און נאכדעם וואס זיין פארלאנג איז גענומען געווארן אין באטראכט, האט מען אים געלאדנט צו קומען אין א געוויסע צייט, ווען ער האט געקענט ווערן אויפגענומען דורכן רב.

ווען דער בריוו פונעם רימנוב'ער רבי איז אנגעקומען צו די מענטשן פונעם רב'ס הויז, וואו עס איז געשטאנען איבער זיין וואונטש צו ווערן אויפגענומען ביים רב, האבן זיי זיך אביסל געבייזערט, וויבאלד דאס איז געווען ביים אנהייב ווען ער איז געווארן רבי, און די גאנצע וועלט האט אים נאך געקענט אלץ געטרייער 'משרת' ביי זיין רבי'ן, דער גרויסער **רבי ר' מענדל'ע רימנובער זצוק"ל,** און דא איז ער אליין געווארן רבי! - וועט דען יעדער יונגער רבי אהערקומען און שטערן די רואיגקייט פונעם רב?! - האבן זיך די שטוב־מענטשן פונעם רב געוואונדערט.

אבער וויבאלד ער האט צוגעצייכנט אין זיין בריוו, אז ער דארף רעדן מיטן רב איבער א וויכטיגער ענין וואס טראגט מיט זיך א רעטונג פאר א אידיש קינד, האבן זיי אים געמוזט צושטעלן א צייט ווען ער וועט זיך קענען טרעפן מיטן רב.

איידער ער איז אנגעקומען צום הויז פונעם רב, האבן זיי זיך באווארנט און ארויסגענומען אלע בענקלעך פונעם צימער... כדי דער נייער רבי זאל זיך נישט 'אוועקזעצן' צום שמועס מיטן רב, ווי דער שטייגער פון רבנים און רבי'ס... נאר ער זאל רעדן וואס ער האט צו רעדן, און זיך גיין זיין וועג.

אבער ווי נאר ער איז אנגעקומען צום הויז פונעם רב, האט דער צדיק ארויפגעלייגט זיין הייליגע האנט אויף די מזוזה ביים טיר, און ער האט גלייך צוריקגעצויגן זיין האנט, ווידעראמאל האט ער ארויפגעלייגט זיין האנט אויף די מזוזה און עס גלייך נאכאמאל אראפגענומען, און אזוי האט זיך דער זאך איבערגע'חזר'ט עטליכע מאל, ווען איבער זיין הייליגע געזיכט האט זיך אויסגעדרוקט א געוואלדיגע ערשטוינונג!

ווען דער גרויסער גאון בעל ישועות יעקב האט דאס געזען, האט ער זיך צושמייכלט און געזאגט: נאר מיט א וואך צוריק האט מען דא געלייגט א נייע מזוזה, וואס איז געשריבן געווארן בהידור רב דורך א סופר מומחה, און איך אליין האב איבערגעקוקט די מזוזה, וועלכע איז כשר למהדרין מן המהדרין!

אויף די געזיכטער פון די שטוב־מענטשן האט מען שוין געקענט זען א לייכטן שמייכל, איבער דער 'מופת' וואס דער נייער רבי האט פראבירט צו ווייזן, און עס איז אים נישט געלונגען...

כדי צו אויפווייזן די ריכטיגקייט פון דער זאך, האט דער רב געהייסן אז מען זאל שוין עפענען די מזוזה, אין פארנט פון אלע באטייליגטע. ווי ערשטוינט איז יעדער איינער געווארן צו זען, אז עס איז געווען א 'לאך' אין די מזוזה. ווייל ווען מען האט ארײנגעקלאפט די מזוזה, עס ארײנצולייגן אינעם שוועל מיט א טשוואק, האט מען א טעות געהאט מיטן ריכטיגן פלאץ, און מען האט צולעכערט א גאנצע ווארט אין די מזוזה, און דעריבער איז עס געווען פסול!

די ישועות יעקב איז געווען פול מיט התפעלות, און ער האט גלייך געהייסן זיינע מענטשן אז מען זאל ארײנברענגען א שיינעם בענקל פארן צדיק, און ער האט אים אוועקגעזעצט נאנט צו זיך, מיט גרויס ליבשאפט.

אזוי שמועסנדיג האט דער גאון געפרעגט דעם צדיק, צי ער קען אים ביטע געבן צו פארשטיין, וויאזוי ער האט געוואוסט אז די מזוזה איז פסול.

זייער פשוט, האט דער צדיק געזאגט מיט פשטות, ביים הייליגן רבי'ן ר' מענדל'ע רימנובער האבן מיר זיך אויסגעלערנט, צו מזכך זיין אלע איברים און חושים, ביז זיי ווערן פון זיך אליין צוגעצויגן נאר צו די קדושה, און פון זיך אליין דערווייטערן זיי זיך פון אן עבירה.

אזוי ווי עס איז געווען מרגלא בפומא קדישא פון מיין רבי'ן זי"ע צו מפרש זיין אין די פסוקים פון די עקידה (בראשית כב, י): "וַיִּשְׁלַח אַבְרָהָם אֶת יָדוֹ, וַיִּקַּח אֶת הַמַּאֲכֶלֶת לִשְׁחֹט אֶת בְּנוֹ". אז לכאורה דארף מען דאך פארשטאנען, פארוואס איז דא אן איבעריגע אריכות הלשון מיט די ווערטער "וַיִּשְׁלַח אַבְרָהָם אֶת יָדוֹ", אינדערצייט וואס עס איז דאך פשוט אז ווען ער האט גענומען דעם מַאֲכֶלֶת האט ער אויסגעשטרעקט זיין האנט, און עס וואלט גענוג געווען אז עס זאל שטיין אין פסוק 'וַיִּקַּח אַבְרָהָם אֶת הַמַּאֲכֶלֶת'.

האט ער געענטפערט דערויף מיט זיין הייליגע מתיקות, אז דאס איז געווען וויבאלד אברהם אבינו ע"ה האט געדארפט מלחמה האלטן מיט זיין האנט, און ער האט עס געדארפט אויסשטרעקן מיט גרויס קראפט, און דאס איז געווען וויבאלד די האנט האט פון זיך אליין נישט געוואלט גיין נעמען דעם מעסער, ווייל דאס איז געווען קעגן דער רצון השי"ת, וואס ער האט אים נאר באפוילן אים ארויפצוברענגען אויפן מזבח און ער האט אים נישט באפוילן אים צו שעכטן - אזוי ווייט זענען זיינע גלידער געווען אויסגעאיידלט, אז זיין האנט איז נישט געווען אימשטאנד צו טון קיין שום זאך וואס איז קעגן דער רצון פון השי"ת.

ווען איך האב צוגעלייגט מיין האנט צו די מזוזה, האט דער רבי ר' הערש אויסגעפירט, האב איך נישט געשפירט קיין שום משיכה צו די קדושה פון די מזוזה. איך האב פראבירט איינמאל און נאכאמאל, און איך האב פארשטאנען אז אויב די האנט ווערט נישט צוגעצויגן דערצו, איז דאס נישט קיין באוועגונג וואס איז באוויליגט פארן אויבערשטן, און ווי עס זעט אויס איז די מזוזה פסול!

ווי פארשטענדליך איז ער ארויסגעגאנגען פון דארט מיט גרויס כבוד!

ביים זעלבן געלעגנהייט, איז אויך אן אייניקל פונעם גאון, זצ"ל, וועלכער איז אליין געווען א גרויסער און חשוב'ער רב אנוועזנד געווען. ווען ער האט יארן שפעטער דערציילט די מעשה, האט ער צוגעגעבן ווי פאלגנד:

נאכמער ווי איך בין נתפעל געווארן פונעם געוואלדיגן 'מופת', און די אפענע רוח הקודש פונעם צדיק, בין איך נתפעל געווארן פונעם געוואלדיגן 'מדת ההשתוות' וואס ער האט פארמאגט. גלייך ווען דער צדיק איז ארײנגעקומען, און מען האט אים אויפגענומען זייער קאלט, און אפילו מיט אביסל גרינגשעצונג, האט ער גוט פארשטאנען און געוואוסט די סיבה פארוואס דער צימער איז ליידיג, אן קיין שום בענקל... און עס האט נישט געמאכט אויף אים קיין שום איינדרוק, מען האט קלאר געקענט זען אז עס 'רירט' אים נישט אן!

אבער נאכמער בין איך נתפעל געווארן שפעטער, ווען זיין צידקות האט אויפגעשיינט און איז אנטפלעקט געווארן און מען האט אים זייער שטארק מכבד געווען, ווען מען האט ארײנגעברענגט דעם בענקל, און יעדער איינער האט געוואלט זען לכבוד וועמען מען ברענגט ארײן דעם בענקל... און מיין זיידע דער גאון האט אים אזוי שטארק מכבד געווען, און ער פון זיין זייט איז געבליבן די גאנצע צייט מיטן זעלבן צורה און געפיל, און מען האט נישט געזען ביי אים קיין שום טויש, נישט ביים אנהייב און נישט ביים סוף, אויך האט מען נישט געזען ביי אים קיין שום התפעלות פונעם גאנצן כבוד, און ער האט נאר גערעדט איבערן ענין וואס ער האט געדארפט.

האב איך אים גרונטליך באטראכט, און איך האב זיך אויסגעלערנט וויאזוי עס קוקט אויס די מדת ההשתוות ווען עס איז בשלימות, אויפנעמענדיג צוויי פארקערטע באציאונגען מיטן זעלבן רעאקציע, סיי ווען ער ווערט פארשעמט און סיי ווען מען איז אים מכבד!

**אט אזוי איז מען מזכך די מדה פון גאוה!**

די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין באשטעלט דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!